# שלח ד

**א.** אויפן פסוק[1] „ועתה יגדל נא כח אדנ־י" שטייט אין זהר[2]: „ר' אחא ור' יוסי אמרי זכאי אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא, דקב"ה אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו, דהא עלמא לא אברי אלא בגיניהון דישראל כו' וישראל כו' אינון קיומא דילי' (פון „האי עלמא") וקיומא דכל שאר עמין".

דער טעם פאַרוואָס דער זהר ברענגט דאָ דריי מעלות אויף אידן, און דוקא די דריי — אַז דעם אויבערשטנ'ס רצון (ובחירה) איז אין זיי, זיין כינוי איז דער שם ישראל[3] און ער איז זיך מתפאר מיט זיי — און ניט מיט אַנדערע — און לכאורה העכערע — מעלות פון אידן, ווי לדוגמא: „נקראו בנים למקום"[4] —

איז דער טאַטע מבאר אין זיינע הערות אויף זהר[5], אַז דאָס איז בהתאם צו דעם וואָס עס רעדט זיך ווייטער אין זהר, אַז אידן זיינען דער „לב של כל העולם"[6] [און ווי דער המשך פון דעם מאמר הזהר גופא, אַז אידן זיינען „קיומא דילי'"]; און דערפאַר רעכנט ער די דריי מעלות וואָס זיינען כנגד די ג' קוין שבמדות — חסד גבורה און תפארת — וואָס „משכן המדות הוא בלב"

[ווי ער איז מבאר, אַז „אתרעי בהו" — דער ענין הרצון ובחירה — „הוא בחי' חסד"; „אתכני בהו" איז גבורה, ווי שם אלקים איז בגימטריא „כנוי"[7]; און „אתפאר בהו" איז בחי' תפארת].

און דערמיט איז מובן פאַרוואָס עס פאַסט דאָ ניט צו ברענגען די מעלה וואָס אידן „נקראו בנים למקום" וכיו"ב, ווייל די מעלה דריקט אויס ווי אידן זיינען אינגאַנצן העכער פון דער בריאה, ובלשון חז"ל[8] „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר"; משא"כ דאָ אין זהר איז נוגע ווי אידן זיינען אין וועלט די מטרה ותכלית הבריאה (עלמא לא אברי אלא בגיניהון דישראל) און דער קיום העולם — דערפאַר רעדט דער זהר וועגן אידן ווי זיי זיינען בחי' „לב" פון דער וועלט[9], כנ"ל.

**ב.** מען דאַרף אָבער פאַרשטיין:

א) וואָס איז די שייכות פון דעם תוכן המאמר, וועגן די דריי מעלות הנ"ל פון אידן, צום פסוק אויף וועלכן דער זהר שטעלט זיך — „ועתה יגדל נא כח אדנ־י"[10]?

---

1) פרשתנו יד, יז.

2) פרשתנו קסא, א.

3) ראה לקוטי לוי"צ לזהר שם.

4) אבות פ"ג מי"ד. ולהעיר, שברוב השנים — כולל שנה זו (תשל"ט) — לומדים פרק זה (לה„יש נוהגין" שאומרים אבות „כל שבתות הקיץ" — אדה"ז בסדורו) בשבת פ' שלח.

5) שם.

6) ל' אאמו"ר בלקוטי לוי"צ שם.

7) תקו"ז בהקדמה (טו, סע"א). תכ"ב בתחלתו. תכ"ו (עא, ב).

8) ב"ר פ"א, ד.

9) ולהעיר, שגם בנוגע לקדה"ק נקט בזהר כאן (ע"ב) ד„תמן הוא לבא" — ולא חב"ד (ראה תניא פנ"ב. וכ"ה בע"ח שער כסה"כ. ובכ"מ) — כי בזהר כאן איירי כמו שאלקות נמשך בעולם (ראה הערות וציונים לקונטרס ומעין ע' 74 ובהנסמן שם).

10) בביאוה"ז להצ"צ (ע' קנד) מבאר השייכות לכאן דהא דקב"ה אתרעי בהו — כי זוהי הקדמה „להבין איך יכול מרע"ה להמשיך הרצון העליון שהוא א"א להיות סליחה מאחר ששרש הנשמות מז"א, לכך מפרש דקב"ה אתרעי בהו פי' שהוא ענין ישראל עלו במחשבה לכן ... יכולים להמשיך באתעדל"ת מלמעלה מעלה כו'". וראה לקמן הערה 27.

ב) איידער דער זהר רעכנט אויס די דריי מעלות פון אידן, איז ער מקדים „זכאי אינון ישראל מעמין עכו״ם דעלמא דקוב״ה אתרעי כו׳״, וואס פון דעם סגנון והמשך הלשון איז משמע, אז דער זהר טוט אויף א חידוש — איז תמוה: ווי קען גאר זיין א הוי אמינא אז אידן זיינען ניט „זכאי .. מעמין עכו״ם דעלמא״?

ובכלל איז שווער צו פארשטיין דעם מובן פון „זכאי אינון ישראל מעמין עכו״ם דעלמא״ — אז מעלתם של ישראל מעסט זיך אין פארגלייך מיט די עמין עכו״ם — בשעת אז אידן זיינען אינגאנצן פון אן אנדער סוג, אידן זיינען מרומם ומובדל פון ניט־אידן[11]?

ג. וועט מען דאס פארשטיין בהקדם הביאור אין פירוש פון פסוק „ועתה יגדל נא כח אדנ־י״. אין פשטות האט משה רבינו מיט דער תפלה געוואלט אויסבעטן דעם אויבערשטנ׳ס סליחה אויף חטא המרגלים, ווי דער מדרש[12] פארטייטשט די ווערטער „יגדל נא כח אדנ־י״ — ותנצח מדת הרחמים למדת הדין — איז ניט מובן:

(א) וויבאלד אז משה האט געוואלט מעורר זיין מדת הרחמים האט דאך זיין תפלה געדארפט זיין פארבונדן מיט׳ן שם הוי׳ — מדת הרחמים: פארוואס האט ער געבעטן „יגדל נא כח אדנ־י״, וואס מיינט (בפשטות) די הגדלה כביכול אין דעם „כח״ פון שם אדנ־י[13], מלשון אדנות (וואס האט א שייכות מיט מדת הדין[14])?

(ב) פארוואס געפינט מען די בקשה „יגדל נא כח אדנ־י״ דוקא ביי די סליחה אויף חטא המרגלים, און ניט ווען משה רבינו האט געוואלט פועל זיין סליחתו של הקב״ה אויפן חטא העגל (און אויף אנדערע חטאים)?

דער ביאור אין דעם: דאס וואס די מרגלים האבן ניט געוואלט אז די אידן זאלן אריינגיין אין ארץ ישראל, איז ניט געווען דערפאר וואס זיי האבן געלייקנט ח״ו אין דער יכולת פון אויבערשטן צו טאן נסים כו׳, נאר ביי זיי האט געפעלט אין דעם הרגש אז דער אויבערשטער איז „אדנ־י, שאתה אדון לכל בריותך״[15], כדלקמן סעיף ד׳; און וויבאלד מיט זייער חטא האבן זיי פוגם געווען אין שם אדנ־י, איז דער תיקון דערויף דורך „יגדל נא כח אדנ־י״.

ד. אויפן פסוק[16] „חזק הוא ממנו״ זאגן חז״ל[17], אז די מרגלים האבן גע־טענה׳ט „כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו משם״. דער פירוש אין דעם איז (ווי גערעדט שוין אמאל בארוכה[18]):

---

11) לכאורה הי׳ אפ״ל שהוא עדמ״ש בתניא (פמ״ט) ד„ובנו בחרת... הוא הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם״, והרי „אתרעי בהו״ הו״ע הבחירה (כמ״ש בלקוטי לוי״צ שם) — אבל אינו. כי בפשטות הענין ד„ואתכני בהו ואתפאר בהו״, וכן מש״כ אח״כ ד„עלמא לא אברי אלא בגיניהון דישראל ..אינון קיומא דילי״, הוא מצד מעלת נשמות ישראל. וכמפורש בביאוה״ז הנ״ל ש(גם „אתרעי בהו״) קאי על מעלת נשמות ישראל. ובמק״מ שם, שג׳ לשונות הנ״ל הם כנגד נר״ן.

12) במדב״ר פרשתנו פט״ז, כב. וראה רמב״ן, רבינו בחיי ועוד עה״פ. אוה״ת פרשתנו ס״ע תעא.

13) ראה בארוכה — ע״ד החסידות — לקו״ת ואוה״ת פרשתנו ד״ה ועתה יגדל וביאורם.

14) להעיר מפי׳ האוה״ח עה״פ (ד״ה עוד יתבאר).

15) ב״ר פי״ז, ד. וראה שער היחוד והאמונה רפ״ז.

16) פרשתנו יג, לא.

17) סוטה לה, א. וש״נ.

18) לקו״ש ח״ד ע׳ 1041 ואילך.

די מרגלים האָבן גע'טענה'ט, אַז די הנהגה נסית פון אויבערשטן איז מתאים נאָר אין מדבר, וואו אידן זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון ישוב העולם און אויסגעטאָן פון התעסקות אין הוויות עולם הזה — דאָרט וואו זיי זיינען ניט אונטערוואָרפן די גדרי הטבע;

בשעת אָבער מען קומט אריין אין אַן ארץ נושבת, וואו ס'איז דאָ דער אָנזאָג בתורה[19] „כי תבואו אל הארץ גו' שש שנים תזרע גו'" אין אַן אופן פון אדם חורש, אדם זורע[20] וכו', און דער טעגליכער סדר החיים איז ע"פ תורה אָפּגעמאָסטן לויט די גדרי ודרכי הטבע — קען מען זיך ניט פירן גלייכצייטיק מיט אַ הנהגה וואָס איז היפך הטבע; און וויבאַלד אַז ע"פ טבע זיינען די יושבי הארץ שטאַרקער פון אידן איז אין סומכין על הנס[21] און מען דאַרף בלייבן אין מדבר.

און דאָס מיינט „כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו משם": אַוודאי האָבן די מרגלים געוואוסט אַז דער אויבערשטער קען טאָן נסים, און נאָכמער, אַז — אויך הנהגת הטבע איז אַ הנהגה אלקית — ווי ס'איז מודגש אין זייער טענה גופא, אַז דאָס איז „כליו" — זיינע (דעם אויבערשטנ'ס) „כלים"; זיי האָבן אָבער גע'טענה'ט, אַז וויבאַלד דער בעה"ב (דער אויבערשטער) האָט איינגעשטעלט דעם בית (די וועלט) אין אַ סדר פון הנהגה טבעית, ער וויל מ'זאָל זיך פירן בהתאם צו דעם סדר, איז „כביכול אינו יכול להוציא כליו משם" — קען ניט זיין אַ הנהגה פון „אויסטאָן" זיך פון הגבלות הטבע.

דער אמת איז אָבער, אַז אע"פ אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט אַז די וועלט זאָל זיך פירן מיט אַ הנהגה טבעית, איז ניט שייך צו זאָגן ח"ו אַז ער איז „אינו יכול" (געבונדן) אין דער הנהגה, וואָרום ער איז כל יכול, ס'איז אַלעמאַל ביכלתו לשנות הטבע — און נאָכמער: דעריבער איז אויך ביי אידן, וואָס זיי זיינען „חלק אלוקה ממעל ממש"[22] און „חלק הוי' עמו"[23], און זיי ווערן ניט געבונדן אין הנהגת הטבע, זיי האָבן די יכולת וואו ס'איז נויטיק אָוועקצושטעלן זיך העכער פון די הגבלות הטבע.

און דאָס איז וואָס משה רבינו האָט געבעטן „ועתה יגדל נא כח אדנ-י": דער שם אדנות איז דער מקור פון הנהגת הטבע (ווי דער אַלטער רבי איז מבאר[24], אַז פון „מדה זו ושם זה" נעמט זיך די התהוות פון וועלט אין אַן אופן אַז זי זעט אויס אַלס אַ „יש גמור ודבר נפרד בפני עצמו"), אָבער צוזאַמען דערמיט ווייזט דער שם אַז דער אויבערשטער איז „אדון לכל בריותך", ער איז דער אדון ובעה"ב אויף דער גאַנצער בריאה (צו משנה זיין וכו' כפי רצונו ית').

די מרגלים, מיט זייער טענה „אפילו בעה"ב אינו יכול להוציא כליו כו'" האָבן פוגם געווען אין דעם שם אדנ-י, אין די אדנות פון אויבערשטן אויף דער בריאה — און דערפאַר, כנ"ל, האָט משה רבינו געבעטן „ועתה יגדל נא כח אדנ-י" — עס זאָל נתגדל[25] און נתגלה ווערן דער

19) ר"פ בהר.
20) ראה ברכות לה, ב.
21) ראה פסחים סד, ב. זח"א קיא, ב. קיב, ב.

22) תניא רפ"ב.
23) האזינו לב, ט. אגה"ת פ"ד. ובכ"מ.
24) שער היחוד והאמונה שם.
25) כי כדי למלאות הפגם צ"ל ההמשכה ממקום נעלה יותר. וראה — בעניננו — לקו"ת שם (לט, ב-ג).

כח פון אדנ־י, ווי דער אויבערשטער איז אַ פולשטענדיקער בעל הבית אויף הנהגת הטבע.

ה. דאָס וואָס ביי די מרגלים האָט געפעלט אין דער הכרה פון „אתה אדון לכל בריותך" — ווי דעם אויבערשטנ'ס בעל־הבית'שקייט אויף וועלט איז כלל ניט מוגבל ח"ו אין דרכי הטבע — איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס ביי זיי האָט געפעלט די הכרה אין דער מעלה פון אידן, ווי אויך זיי זייענדיג אין וועלט — זיינען זיי ניט געבונדן דורך די גדרי הטבע.

לויט זייער הנחה באַשטייט די מעלה פון אַ אידן אין דעם פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן וואָס איז העכער פון וועלט — דוקא ווען דער איד געפינט זיך אין בית המדרש ובית הכנסת און איז זיך עוסק בתורה ותפלה, אָדער ווען ער איז זיך עוסק בקיום המצות;

בשעת אָבער אַ איד פאַרנעמט זיך מיט ענינים טבעיים, וואָס אויסערלעך זעט אויס אַז ער פירט זיך אויפן זעלבן אופן ווי להבדיל אַ ניט־איד — דאַן איז ניטאָ קיין יתרון ח"ו פון אים אויף אַנדערע אומות.

און דעריבער, וויבאַלד אַז זיי האָבן דעם עילוי פון למעלה מהטבע זייענדיג אין טבע ניט דערהערט אין די נש"י, אין דעם „חלק אלקה ממעל ממש", האָט ביי זיי אויך געפעלט אין דער הכרה אַז דער אויבערשטער איז „אדון לכל בריותך", ווי אין טבע גופא איז אלקות שלמעלה מהטבע.

און דאָס איז אויך דער ביאור אין דעם מאמר הזהר „זכאי אינון ישראל כו'":

די „הגדלה" פון „כח אדנ־י", ווי דאָס זאָגט זיך אַרויס אין אידן, ברענגט אַרויס זייער מעלה בשייכות ובערך צו „עמין עכו"ם דעלמא": אפילו ווען אידן זיינען אין העלם והסתר העולם[26], און בגלוי זעט זיך ניט זייער יתרון ועילוי לגבי די „עמין" — ביז ס'איז דאָ אַ הוי אמינא אַז זיי זיינען ח"ו ניט אַנדערש ווי „עכו"ם דעלמא" — איז דער אמת, אַז אויך דאַן איז „זכאי אינון ישראל מעמין עכו"ם דעלמא", אידן זיינען אפילו אין אַזאַ מצב גאָר אַנדערש[27] פון זיי.

און בהמשך צו דעם ברענגט ער די דריי מעלות: „אתרעי בהו ואתכני בהו ואתפאר בהו", וואָס דוגמתן געפינט מען אויך אין כללות הבריאה (כדלקמן) — אַז אויך אין די ענינים, זיינען אידן אינגאַנצן אויסגעטיילט פון כל הבריאה[28].

ו. חז"ל[29] זאָגן „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה",

---

26) ויש לקשר זה גם עם מ"ש בהמשך הזהר (ע"ב) שהמרגלים גרמו דאסתליק מדת האמת — שהרי מדת האמת ענינה שאין בה שינויים, נמשך ונמצא למטה כמו למעלה.

27) כי גם כמו"ש למטה קשורים במקורם שלמעלה מסדר השתלשלות. — ועפ"ז מובן ההמשך דפירוש אאמו"ר לפי' הצ"צ בביאוה"ז (ראה לעיל הערה 10):

בביאוה"ז מבאר שורש ענין הסליחה, שהוא מצד (שורש נש"י) למעלה מהשתלשלות (ע"ד „יגדל נא כח אדנ־י" — כנ"ל הערה 25); אמנם כדי שתהי' הסליחה בפועל צ"ל ההמשכה למטה, במקום (החטא) הצריך תיקון — ולכן מפרט בזהר שגם כמו שנש"י נמשכים בס' השתלשלות (ז"א — כפי' אאמו"ר), ועוד יותר במצב של הסתר (שצריך לחדש שזכאי אינון מעמין עכו"ם דעלמא) מעלתם בתקפה.

28) ע"פ המבואר בפנים תובן השייכות דמאמר זה לר' אחא ור' יוסי — כי יוסי הוא גימטריא אלקים (זח"ג רכג, א. פרש"י סנהדרין נו, רע"א), בחי' מלכות (המשך וככה תרל"ז סוף פרק פ'. לקוטי לוי"צ לזהר (ח"ב) ע' קלו. קנג. ובכ"מ), ור' אחא הוא בחי' תפארת (לקולוי"צ לזח"א ע' סט. קט. לזח"ב ע' קלט). ותוכן מאמר זה — שגם בהסתר דעולם (מלכות) בנ"י הם למעלה מן העולם (תפארת) — הוא כענין חיבור תפארת ומלכות.

29) שבת עז, ב.

וואס פון דעם איז פארשטאנדיק, אז אין יעדער זאך פון דער בריאה איז דא א כוונה ורצון ה׳ — פונדעסטוועגן האט דער עילוי פון „אתרעי" א שייכות נאר צו אידן.

דער טעם הדבר: וויבאלד אז אידן זיינען די מטרה ותכלית הבריאה, קומט במילא אויס, אז דער רצון אויף דער בריאה ועניני׳ איז צוליב אן אנדער רצון, אן ענין טפל (ואמצעי) צום עיקר הכוונה, וואס דאס זיינען ישראל; אין די עניני הבריאה מצ״ע איז ניטא קיין רצון. אמיתית (ופנימית) הרצון איז נאר אין אידן דוקא — אתרעי איז נאר בהו, און זעלבסטפארשטענדליך אז רצון צו א דבר שלמטה הימנו איז א תנועה פון חסד.

ז. דער טעם פון „אתכני בהו" — אז אידן זיינען דעם אויבערשטנ׳ס א כינוי — איז:

כשם ווי א כינוי איז מעלים אויפן שם — עס קען זיין אז דער כינוי איז ניט קיין פירוש אדער קיצור פון דעם שם (שעי״ז הי׳ גם שייך לדבר הנקרא בהשם) און אפילו ניט אין זעלבן לשון[30] — און לאידך, צוזאמען דערמיט האט דער כינוי דאך א שייכות צום שם, וואס דערפאר קען מען דורכן כינוי עכ״פ משער זיין וואס עס איז דער שם;

עד״ז איז בנוגע אידן מיט׳ן אויבערשטן: וויבאלד אידן זיינען „חלק אלקה ממעל ממש", קען מען דאס דער־הערן און דערקענען אין א אידן. נאר אין דעם זיינען פאראן צוויי אופנים:

בשעת ער איז פארנומען מיט עניני החלק אלקה (הנשמה), מיט תורה ועבודה, דערקענט יעדערער אז דאס איז א איד, וואס האט א „חלק אלקה ממעל ממש", ובלשון הכתוב[31] — „וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך"; בשעת אבער א איד גייט אין גאס און איז פארנומען מיט עניני הגוף והעולם, דאן איז אפט ניט ניכר די ג־טלעכע קדושה אויף אים — א גוי דערקענט עס ניט, און אמאל אויך ניט (להבדיל) א איד — אין דעם מצב איז א איד א כינוי (ולבוש והעלם) אויף׳ן חלק אלק׳

[גבורה, וואס פון דעם נעמען זיך די העלמות]:

אויך דעמאלט איז א איד א מרמז און ווייזט אן אויף אלקות, עס איז אבער ניט אין אן אופן ניכר פאר יעדער איינעם. אויף דעם דארף מען זיין א „מבין".

— אמאל האט דער רבי נ״ע שטארק משבח געווען געוויסע אנשים פשוטים, זאגענדיק אז זיי האבן אין זיך גרויסע מעלות. הערנדיק די ווערטער האט החסיד ר׳ מאניע מאנעסזאן א זאג געטאן צום רבי נ״ע: איך זע ניט.

רמ״מ האט דעמאלט געהאט ביי זיך א פעקל דימענטן (ער איז געווען א גרויסער דימענטן סוחר). האט אים דער רבי נ״ע שפעטער געבעטן ער זאל אים ווייזן דעם פעקל דימענטן. רמ״מ האט פאנאנדערגעלייגט פאר דעם רבי נ״ע זיינע דימענטן און בשעת מעשה אנ־געוויזן אויף איין שטיין זאגנדיק אז דער דימענט איז גאר פלאי פלאים. האט עם דער רבי נ״ע געזאגט „איך זע ניט". האט רמ״מ זיך אפגערופן: מען דארף זיין א מבין. דער רבי נ״ע האט אים דערויף

30) ראה בכ״ז — שו״ע אה״ע סקכ״ט סט״ז, ונ״כ. קב נקי כלל לח. שדי חמד אסיפת דינים מע׳ גט סימן ז׳.

31) תבוא כח, יו״ד.

געגנטפערט: אַ איד איז פּלאי פּלאים, נאָר מען דאַרף זיין אַ מבין[32].

ח. און דאָס איז דער אויפטו פון מאמר הזהר, אַז אידן זיינען „זכאי" פון אומות העולם אויך אין דעם ענין פון „ואתכני בהו": דער עילוי פון „שם ה' נקרא עליך", באופן גלוי, איז שייך בלויז ביי אידן, אָבער די מעלה פון „אתכני בהו" (וואָס מ'קען אין זיי דערקענען אויך דעם ניט גלוי'דיקן פאַרבונד מיט אלקות) איז פאַראַן דוגמתו ביי אַנדערע עניני הבריאה.

וואָרום היות אַז די גאַנצע מציאות פון יעדער נברא איז דער דבר ה' וואָס איז אים מחי', איז אויב נאָר מען איז אַ „מבין", קען מען פון דעם נברא דער־קענען דעם דבר ה' וואָס באַלעבט אים. ובמכש"כ וק"ו פון וואָס עס שטייט אויפן מגיד[33], אַז ער האָט דערקענט דעם כח הפועל (הבן אדם) בנפעל מיט אַ ראי' מוחשית (וואָס מהאי טעמא האָט ער מבחין געווען אין אַ געוויסער כלי אַז דער אומן וואָס האָט עס געמאַכט איז געווען אַ „סומא בעין א'").

און פונדעסטוועגן איז דער אמת'ער עילוי פון „אתכני" דוקא „בהו" — אין אידן — ווייל אויף כללות הבריאה קען מען ניט זאָגן אַז עס איז אַ כינוי אויף קוב"ה: אדרבה, דער נברא זעט זיך אַן ווי אַ מציאות פאַר זיך, וואָרום איר התהוות איז בדרך פעולה;

משא"כ אידן וואָס זיינען „חלק אלקה ממעל ממש", איז אפילו ווי זיי געפינען זיך למטה אין אַ מצב פון העלם והסתר, בלייבן זיי מיוחד מיט אלקות[34], וואָס דערפאַר זיינען זיי אויך דאַן (עכ"פ) אַ כינוי אויף קוב"ה.

ט. דער טעם אויף „ואתפאר בהו" — וואָס דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט אידן — איז ווייל דאָס וואָס די שכינה איז שורה למטה ביי אַ אידן איז אין דעם דאָ כביכול אַן עילוי לגבי דעם ווי זי איז למעלה (וואָס דערפאַר איז „עיקר שכינה בתחתונים היתה"[35] — דער עיקר (ועצם) פון שכינה געפינט זיך בתחתונים) — און דערפאַר איז „קוב"ה .. אתפאר בהו", ווייל דורך אידן און זייער עבודה דאָ למטה ווערט אויפ־געטאָן כביכול אַן עילוי וגדלות אין שכינה.

אויך פון דעם ענין איז דאָ אַ מעין ודוגמא אויך ביי אַנדערע עניני הבריאה, וואָרום אַלע עולמות ונבראים וואָס דער אויבערשטער איז מהוה ומחי' ברענגען אַרויס גדלותו יתברך. און דערפאַר זאָגן חז"ל[36] „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו", אַז יעדער נברא איז מוסיף אין כבודו ית' און ברענגט אַרויס מלכותו של הקב"ה (ווי די ברייתא ברענגט דערויף דעם פסוק[37] „ה' ימלוך לעולם ועד").

אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס כלל ניט גלייך צום ענין פון „ישראל אשר בך

32) ספר השיחות תש"ה ע' 41 ואילך.

33) שער האמונה — לאדהאמ"צ — ס"פ כז. ד"ה ויבא עמלק תש"ט פ"ד. וראה סה"מ אדה"ז תקס"ב ע' פד.

34) ראה ביאוה"ז לאדהאמ"צ (קטו, ב) ולהצ"צ (ע' תקמח). המשך תרס"ו ע' תנט ואילך. ס"ע תע ואילך. ועוד.

35) שהש"ר עה"פ (שה"ש ה, א). וש"נ. נת' בהמשך ההילולא באתי לגני ה'שי"ת.

ולהעיר ממשל המדרש (שמו"ר ר"פ תרומה) „קיטון אחד עשה לי שאדור אצלכם" (ולא אמר שהם ידורו אצלו).

36) אבות ספ"ו.

37) בשלח טו, יח.

אתפאר" — ובלשון חז"ל[38] אז דער אוי־בערשטער זאָגט „אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם" — ווייל אידן זיינען די מטרה פון כל הבריאה כולה, כנ"ל. דאָס איז אַזוי ווי, למשל, אַ מלך וואָס בויט אַ פּאַלאַץ פאַר זיין טאָכטער און איידעם. איז דאָך אַ דבר פשוט אַז דער פּאַלאַץ איז מוסיף אין כבוד המלך (וואָס נאָר אַ מלך גדול ונשא האָט געקענט בויען אַזאַ גרויסע און וואונדערלעכע דירה נאה): אָבער דאָך, במה נחשב דער גאַנצער בית נאה מיט אַלע כלים נאים וואָס גע־פינען זיך דאָרט, לגבי די (דער טאָכטער און איידעם) וואָס צוליב זיי האָט ער געבויט דעם בית!

ועד"ז בענינינו: „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו", אָבער ווער איז עס דער וואָס ברענגט אַרויס די אמת'ע גרויסקייט פון דעם אוי־בערשטן, וואָס דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט אים — „ואתפאר בהו" — דאָס איז נאָר „עמך ישראל גוי אחד בארץ"[39].

(משיחות ש"פ שלח תשל"א ותשל"ב)

---

38) ברכות ו, סע"א. וש"נ. וראה ד"ה את ה' האמרת (אוה"ת תבא ע' תתרסח ואילך. תתרעט ואילך).

39) דה"א יז, כא. הובא בברכות שם.

# שלח ה

א. אין דעם פסוק[1] „ראשית ערסתכם חלה תרימו תרומה כתרומת גורן כן תרימו אותה" איז רש"י מפרש „כתרומת גורן" „שלא נאמר בה שיעור, ולא כתרומת מעשר שנאמר בה שיעור אבל חכמים נתנו שיעור לבעל הבית אחד מעשרים וארבעה ולנחתום אחד מארבעים ושמונה".

דארף מען פארשטיין: א) רש"י איז דאך מעתיק ענינים פון מדרשים ומאמרי חז"ל בהלכה, נאר ווען דאס איז נוגע און מוכרח אין פשוטו של מקרא — ווי רש"י אליין זאגט דעם כלל[2] „ואני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא" — איז בשלמא דאס וואס רש"י איז מפרש „שלא נאמר בה שיעור ולא כתרומת מעשר שנאמר בה שיעור" איז מובן, ווייל דערמיט איז ער מבאר בפשטות וואס די תורה מיינט מיט מדגיש זיין דווקא „כתרומת גורן"[3] און ניט ווי אן אנדער סוג תרומה[4]; וואס איז אבער נוגע צום פירוש הכתוב דער ווייטער־דיקער המשך: „אבל חכמים נתנו שיעור כו'" ?

ב) אפילו ווען מ'זאל אננעמען אז ברייגנענדיק אז עס איז ניט געזאגט געווארן קיין שיעור אויף חלה וויל ער באווארענען אז דאס מיינט ער נאר במקרא, אבער די רבנן האבן יע באשטימט א שיעור — בלייבט נאך אלץ ניט מובן: פארוואס דארף ער מפרש זיין וועלכן שיעור האבן די חכמים געגעבן, וואס לכאורה איז דאס אינגאנצן ניט נוגע צום פירוש פשט הכתובים, און רש"י איז דאך ניט קיין ספר פון הלכות, ער קומט נאר מפרש זיין פשוטו של מקרא ?

ג) און אפילו אויב מ'זאל איינלערנען בדוחק אז רש"י וויל מען זאל האבן א השגה וואס איז דער שיעור חלה[5], וואלט דאך מספיק געווען ווען ער זאגט נאר „לבעה"ב א' מכ"ד", וואס דאס איז דער שיעור וואס איז שייך (און נוגע) לרוב בנ"א[6] [און ווי מען געפינט טאקע אין ת"י[7], כאטש ער איז ווייטער פון פשש"מ ווי פרש"י, אז ער ברייגנט נאר דעם שיעור א' מכ"ד] — פארוואס דארף ער אויך מוסיף זיין „לנחתום אחד מארבעים ושמונה"[8] ?

---

1) פרשתנו טו, כ.

2) בראשית ג, ח. וממשיך „ולאגדה המיישבת דברי המקרא דבר דבור על אופניו". ועד"ז שם ג, כד. ובכ"מ.

3) וכבר פירש"י (נשא ה, ט) דתרומה — „מחזר (הכהן) אחרי' לבית הגרנות".

4) ובפרט שבפרשיות לפנ"ז נאמר כמ"פ מעשר לכהן, לה': ויתן לו מעשר מכל (לך יד, כ ובפרש"י. וראה פרש"י תולדות כו, יב). „עשר אעשרנו לך" (ויצא כח, כב). „וכל מעשר הארץ גו' וכל מעשר בקר וצאן" (בחוקותי כז, ל. לב). וראה פרש"י נשא ה, יוד: „מי שמעכב מעשרותיו כו'". אלא שרש"י כ' כאן „תרומת מעשר" כי בהכתוב נאמר „תרומה".

5) ובפרט שאינו שיעור הרגיל במקרא — חומש, או מעשר.

6) וראה פרש"י תבוא (כח, סו): ולא תאמין בחייך, זה הסומך על הפלטר.

7) וגם בפרש"י קרח (יח, כט) שהביא רק שיעור דבינונים.

8) ואף שע"ד הנ"ל כתב רש"י גם בתרומה וראשית הגז „ולא פי' בה שיעור אבל רבותינו נתנו בה שיעור" (שופטים יח, ד) — הרי עכצ"ל שגם שם מוכרח הוא בפשש"מ וכדמוכח גם מזה: א) שפירשו בפ' שופטים ולא בפ' קרח (יח, יב) שלפנ"ז כשמדובר ע"ד מתנות כהונה — אבל ראה פרש"י קורח יח, כט. ב) לא פירשו בבכורים (בר"פ תבוא או גם לפנ"ז בפ'